# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**ר' אברהם אלימלך בידרמן** שליט"א

**בהעלותך**

מכון
באר האמונה

יו"ל ע"י

**מכון 'באר האמונה'**

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון
וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות
אין הארות מעלדט אייך צו:

אימייל: Mail@derparshakval.com
טלפון: 1347-871-8285

**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**

©
**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## בהעלותך

על פי ה' - מבטל זיין דעם אייגענעם רצון פאַר דעם אויבערשטענס רצון ........................................ א
במראה אליו אתוודע - דיין חשיבות איז דווקא אין דיינע שווערע צייטן ............................ ג
והטבנו לך - קוקן אויף אַנדערע מיט אַ גוט אויג ................................................ ח
על פי - זיך היטן דאָס מויל אין ענינים "בין אדם לחבירו".................................. י
ויהי בנסוע הארון - עוסק זיין אין תורה מיט אַ קביעות........................................יב
ישמחו במלכותך שומרי שבת - דער גרויסקייט פון זינגען שירות ותשבחות שב"ק.............................יד

# בהעלותך

## על פי ה׳ - מבטל זיין דעם אייגענעם רצון פאַר דעם אויבערשטענס רצון

**על** פי ה׳ יסעו בני ישראל ועל פי ה׳ יחנו... ויש אשר יהיה הענן ימים מספר על המשכן, על פי ה׳ יחנו ועל פי ה׳ יסעו. ויש אשר יהיה הענן מערב עד בוקר ונעלה הענן בבוקר ונסעו, או יומם ולילה ונעלה הענן ונסעו. או יומים או חודש או ימים... על פי ה׳ יחנו ועל פי ה׳ יסעו, את משמרת ה׳ שמרו על פי ה׳ ביד משה (ט, יט-כג).

**וואונדערליבע** ווערטער, זאָגט דער "לשם שבו ואחלמה" (ספר הדעה, ח"ב, ד"ה "וכן שמעתי"), אַז דער גאון רבי יצחק'ל וואָלאָזשינער זצ"ל, אַ זון פון הגאון רבי חיים וואָלאָזשנער זצ"ל, פרעגט, לכאורה זעהט עס אויס ווי די תורה איז דאָ מאריך מיט ווערטער אָן אַ צורך, ווייל מיר ווייסן נישט וואָס די תורה וויל אונז דאָ לאָזן הערן.

**זאָגט** רבי איצעלע וואָלאָזשינער, דער מדבר איז אַן אָרט וואו עס געפינט זיך דער יצר הרע און די טומאה. דער גאַנצער ציל צוליב וועלכן די אידן האָבן געדאַרפט גיין אין מדבר, איז געווען צו רייניגן די וועלט, און מיט זייער זיך שטאַרקן אויף דעם יצר הרע, זאָלן זיי בטל מאַכן די טומאה און דעם כח פונעם שטן וואָס ער איז דער יצר הרע.

**נישט** אַלע ערטער אין מדבר זענען גליידך. עס זענען דאָ ערטער אין מדבר וואָס זענען מער טמא, און עס זענען דאָ ערטער וואָס זענען ווייניגער טמא. לויט וויפיל טומאה ס'איז געווען אויף איין אָרט, האָבן די אידן זיך דאָרט געדאַרפט אויפהאַלטן. דאָרט וואו עס איז געווען מער טומאה, האָבן די אידן זיך דאָרט געדאַרפט אויפהאַלטן אַ לענגערע צייט, כדי צו רייניגן און מתקן זיין און צוברעכן דעם יצר הרע אויף יענעם אָרט.

**זאָגט** דער בעל "הלשם" ווייטער: ווען די אידן זענען אָנגעקומען אין די דאָזיגע ערטער, איז פאַר זיי געווען זייער שווער. זיי האָבן געשפּירט די פינצטערניש און דעם צער פון צרת היצר. זיי האָבן געוואָלט אַנטלויפן פון דאָרט, אַזוי ווי אַ מענטש אַנטלויפט פון אַ פייער. פון דער צווייטער זייט, ווען זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן אויף אַן אָרט און האָבן עס מטהר געווען, האָבן זיי געוואָלט פאַרבלייבן לענגער אויף יענעם אָרט.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק: "על פי ה׳ יחנו ועל פי ה׳ יסעו" זיי האָבן נישט געקוקט אויף זייער אייגענעם רצון, נאָר זיי האָבן געטוהן דעם רצון פון באַשעפער, סיי ביים רוען, און סיי ביים זיך אַוועקציען פון דאָרט.

**זאָגט** דער פסוק: "ובהאריך הענן" - אַזאַ פלאַץ וואָס זיי האָבן זיך דאָרט געדאַרפט אויפהאַלטן לענגער ווי אין אַן אַנדער אָרט, איז געווען שווער פאַר די אידן זיך צו שטאַרקן דאָרט אויף זייער יצר הרע, און צוליב דעם האָבן זיי געוואָלט אַנטלויפן פון דאָרט. פונדעסטוועגן, "ושמרו בני ישראל את משמרת ה׳ ולא יסעו". זיי זענען דאָרט פאַרבליבן, כדי צו טוהן דעם רצון פון באַשעפער, און זיי האָבן נישט פאַרלאָזט דעם פלאַץ קעגן דעם ווילן פונעם באַשעפער.

**"ויש** אשר יהיה הענן מערב עד בוקר" - עס זענען געווען ערטער וואו דער וואָלקן (די פינצטערניש) איז געווען נאָר אַ קורצע צייט, ווייל דאָרט איז נישט געווען אַזאַ "זוהמא'דיגער" אָרט, און די אידן האָבן זיך געוואָלט אויפהאַלטן דאָרט. פונדעסטוועגן: "ונעלה הענן בבוקר ונסעו", אויב דער וואָלקן האָט זיך אויפגעהויבן פון דאָרט, זענען זיי אַוועקגעפאָרן פון דאָרט. דאָס איז דער שבח פון די אידן וואָס די תורה דערציילט, אַז זיי האָבן גענומען אויף זיך די גאַנצע האַרעוואַניע, כדי צו באַזיגן דעם יצר הרע ווי ווייט מעגליך, און כאָטש עס איז געווען זייער שווער פאַר זיי, פונדעסטוועגן, "את משמרת ה׳ שמרו".

**דאָס** איז אַ גרויסער לימוד פאַר אונז, אין יעדע מצב און אין יעדע זמן, זאָל מען אייביג נעמען אויף זיך דעם באַשעפער'ס הנהגה, ביי אַלע פאַרשידענע סיבות וואָס קומען אונטער און זענען גורם אַז מ'זאָל פאַלן פון די מדרגה, און מ'האָט גרויסע נסיונות ביים זיך באַמיען צו באַזיגן דעם יצר הרע. דאָס איז אַ טייל

פון די עבודה וואָס ליגט אויפ'ן מענטש צו טוהן. אַמאָל אויף אַזאַ אופן, און אַמאָל, אויף אַן אַנדערן אופן[א]. "פעמים בצער, פעמים בריווח" - אַמאָל קומט עס אָן שווער, און אַמאָל קומט עס אָן לייכט[ב]. אויף דעם

---

**א.** הרה"ק בעל "דברי שמואל" זי"ע פון סלאָנים, האָט געטייטשט דעם פסוק (במדבר ד, כו) "ואת כל אשר יעשה להם ועבדו", ווי פאָלגענד: "ואת כל אשר יעשה להם" - אַלעס וואָס דער אויבערשטער טוט מיט'ן מענטש, אין יעדן מצב וואָס דער אויבערשטער שטעלט איהם אַוועק דערין. "ועבדו" - דאַרף ער דינען דעם אויבערשטען בשלימות, אַפילו אין יענעם מצב.

**ב.** ביי די מעשה פון די "מתאוננים" אין דער היינטיגער סדרה, זאָגט דער פסוק (יא, ד) "והאספסוף אשר בקרבו התאוו תאוה, וישובו ויבכו גם בני ישראל, ויאמרו מי יאכילנו בשר". די אידן האבן געוויינט אויף די מן וואס זיי האבן געגעסן אין מדבר, און געזאגט אז זיי ווילן עסן פלייש. האָט כ"ק אאמו"ר מלעלוב זי"ע געפרעגט מ'דאַרף פאַרשטיין דאָס לשון "התאוו תאוה". אויך די ווערטער "גם בני ישראל", איז משמע פון וואָרט "גם", אַז אויסער די אידן, האָבן נאָך מענטשן געוויינט, אָבער דער פסוק זאָגט נישט דאָ ווער עס האָט געוויינט. לכאורה וואָלט דער פסוק געדאַרפט זאָגן "וישובו ויבכו בני ישראל", ווייל די אידן זענען געווען די וואָס האָבן געוויינט. אויך איז שווער, עס איז ידוע אַז איבעראל וואו עס שטייט אין דער תורה "בני ישראל", ווייזט עס אויף אַ העכערע מדרגה, אַז די אידן האָבן דעמאָלס געטוהן דעם אויבערשטען'ס רצון, און ווען זיי זענען אין אַ קלענערע דרגא, ווערן זיי גערופן "יעקב" (זוהר ח"ג, רי:, "אור החיים", בראשית מז, כח). אויב אַזוי, ווי אַזוי איז שייך צו זאָגן אַז די "בני ישראל" (די גרעסערע מדרגה) האָבן געוויינט ווייל זיי האָבן געוואָלט עסן פלייש?

נאָך מער איז שווער, די קדמונים שרייבן, אַז די תאוות פונעם מענטש נעמען זיך פון עסן נישט אויף אַן ערליכן וועג. און וויבאַלד די אידן האָבן מדבר געגעסן נאָר דעם מן, וואָס איז געווען רוחניות'דיגע ברויט - ברויט וואָס די מלאכים עסן, ווי די גמרא זאָגט (יומא עה:) אויפ'ן פסוק (תהלים עח, כה) "לחם אבירים אכל איש", אַז דאָס מיינט מען הימלישע ברויט. אויב אַזוי, איז שווער, ווי אַזוי האָבן די אידן אין מדבר, די "אוכלי המן", געקענט גליסטן אַזאַ תאווה צו עסן פלייש?

האָט כ"ק אאמו"ר זי"ע געענטפערט, אַז באמת, זענען דאָ געווען צוויי סאָרטן "געוויינען". די "אספסוף" האָבן געוויינט באַזונדער, און די אידן האָבן געוויינט באַזונדער. די מענטשן פונעם "אספסוף" האָבן געוויינט צוליב זייער תאווה צו עסן ברויט. די כוונה דערפון איז, לויט ווי חז"ל זאָגן (סוטה ג:) "כל העובר עבירה אחת בעולם הזה, מלפפתו והולכת לפניו ליום הדין". דער מענטש וואָס טוט אַן עבירה ח"ו אויף דער וועלט, שלעפּט עס איהם און עס גייט פאָראויס פאַר איהם אין טאָג פון זיין משפט ביים בית דין של מעלה. אויך זאָגט דאָרט די גמרא, אַז די עבירה איז "קשורה בו ככלב" - זי ווערט "צוגעבונדן" צום בעל עבירה ווי אַ הונט רח"ל.

זאָגן די בעלי המוסר, אַז ווען דער מענטש גייט אַוועק פון דער וועלט ל"ע, בלייבט ער דער זעלבער "בעל תאווה" מיט אַלע שלעכטע מידות, נאָר ער קען עס נישט אויספירן בפועל. אין דעם באַשטייען די יסורים פון מענטש נאָכ'ן טויט, אַז ער גליסט צו טוהן די עבירה, אָבער ער איז נישט בכח עס צו טוהן. אויב ער האָט אַ סאַך תאוות, געפינט ער זיך אין "כף הקלע" רח"ל.

עס איז באַקאַנט די מעשה מיט'ן "דיבוק", וואָס מ'האָט געברענגט צום "חפץ חיים" זי"ע. מ'האָט געהערט ווי דער "דיבוק" שרייט פון גרויס פחד פונעם דין, און פון די מלאכי חבלה וואָס רינגלען איהם אַרום און ווילן איהם שלעכטס טוהן. גלייכצייטיג דערמיט, האָט ער גערעדט מיאוס'ע רייד (ניבול פה רח"ל), אַז מ'האָט ממש נישט געקענט הערן וואָס ער רעדט. ווען מ'האָט געפרעגט דעם "דיבוק", ווי אַזוי ער קען נאָך יעצט זינדיגן מיט'ן מויל ווען ער זעהט שוין אַליין מיט זיינע אויגן אַז "אית דין ואית דיין". עס איז דאָ אַ משפט, און עס איז דאָ אַ באַשעפער וואָס פירט דעם משפט. האָט ער געענטפערט, אַז באמת, איז ער אויך נאָכ'ן שטאַרבן געבליבן מיט אַלע שלעכטע תאוות וואָס ער האָט געהאַט בשעת ער האָט זיך געפונען אויף דער וועלט, און ער קען זיך שוין נישט שטאַרקן איבער די תאוות.

האָט כ"ק אאמו"ר זצ"ל געזאָגט, אַז דאָס זעלבע איז געווען מיט'ן "אספסוף". פון איין זייט, האָבן זיי געגעסן דעם מן, און זענען שוין נישט געווען מסוגל נאָכצוגעבן זייער תאווה (צוליב דעם גרויסן "זיכוך" וואָס זיי האָבן געהאַט דורך עסן דעם מן), אָבער פון דער צווייטער זייט, זענען זיי געבליבן מיט אַלע נידעריגע רצונות וואָס זיי האָבן געהאַט

זאָגט דער פסוק (קהלת ז, יד) "ביום טוב היה בטוב". דו זאָלסט אָפּהיטן די דאָזיגע צייט, אַזוי ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, "וביום רעה ראה", און דו זאָלסט זיך זעהן צו שטאַרקן ווי ווייט מעגליך, אין שווערע טעג ח"ו.

קאָזמירער זי"ע ("מאמר יחזקאל", ע' קט) אַז דער עיקר דערנענטערונג פון אַ איד צו דעם אויבערשטען, איז דייקא דורך שטערונגען און עיכובים. אויב דער מענטש שטאַרקט זיך איבער אַלע זיינע מניעות, דאַן ווערט ער נענטער צו דעם אויבערשטען[ג].

**במראה אליו אתוודע - דיין חשיבות איז דווקא אין דיינע שווערע צייטן**

**אין** דער היינטיגער סדרה (יב, ו) לייענען מיר, "במראה אליו אתוודע". זאָגט הרה"ק רבי יחזקאל'ע

**זאָגט** הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער, דער טייטש פון וואָרט "במראה" איז אויך, אַ שפּיגל. וואָס איז אַ שפּיגל? - דער מענטש נעמט אַ שטיק גלאָז, דורך וועלכן מ'קען אַלעס אַדורכזעהן, און ער קלעבט

---

פריער, ווייל דער מענטש וואָס טוט זיך נישט רייניגן, איז אפי' אויב ער עסט אַזאַ הייליגן מאכל ווי דעם מן, בלייבט ער נאָך אַלץ דער זעלבער בעל תאווה ווי פריער, אַזוי ווי דער מענטש וואָס ליגט שוין אין קבר. אויף דעם זאָגט דער פסוק אַ דאָפּלטן לשון: "התאוו תאוה". די אידן האָבן געזוכט אַ וועג ווי אַזוי צו קענען פאַרווירקליכן זייער תאווה רח"ל: "מי יאכילנו בשר"... ווייל דורך אַ גשמיות'דיגע אכילה, וועלן מיר קענען טוהן וואָס אונזערע הערצער גליסטן ח"ו.

דאַקעגן, די צדיקים, וואָס ווערן אָנגערופן "בני ישראל", האָבן טאַקע אויך געוויינט: "וישובו ויבכו גם בני ישראל". זייער געוויין, האָט אָבער געהאַט גאַנץ אַן אַנדערן באַדייט, ווייל עס איז באַקאַנט וואָס צדיקים האָבן געזאָגט אַז זייער גאַנצער חיות קומט נאָר פון זייער מלחמה מיט'ן יצר, אַזוי ווייט, אַז אויף די עלטערע יאָרן האָבן זיי געזאָגט אַז זיי שפּירן שוין נישט קיין טעם אין לעבן, ווייל עס פעלט זיי דאָס וואָס מ'רופט היינטיגע צייטן "עקשאָן"... ("אַקטיוויטעט"). טאַקע אויף דעם האָבן די בעלי מדרגה צווישן די אידן ("בני ישראל") געוויינט, וויבאַלד זיי עסן פונעם מן, האָבן זיי שוין נישט קיין תאוות. זיי האָבן מער נישט אַ מלחמת היצר, און ממילא, האָבן זיי נישט וואָס צו לעבן אויף דער וועלט. וועגן דעם האָבן זיי געוויינט, "מי יאכילנו בשר", ווייל אויב מיר וועלן עסן פלייש, וועט ווידער נתעורר ווערן אין אונז דער כח פונעם יצר הרע, און מיר וועלן קענען פירן מיט איהם אַ שטאַרקע מלחמה. אט דער געוויין פון די בעלי מדריגה, איז יאָ געווען לשם שמים.

פונדעסטוועגן, דערציילט אונז די תורה, אַז אויך דער געוויין פון די בעלי מדריגה, איז געווען "רע בעיני ה'". עס איז נישט געפעלן געוואָרן פאַר דעם אויבערשטען, ווייל אַ איד טאָר נישט זוכן אַן אַנדערע עבודה ווי די עבודה וואָס דער אויבערשטער האָט פאַר איהם באַשטימט. אויב דער אויבערשטער גיט איהם צו עסן מן, און מאַכט בטל פון איהם די מלחמה מיט'ן יצר הרע, איז דאָך דאָס יעצט דער רצון פון דעם אויבערשטען, אַז ער זאָל איהם דינען דייקא אין אַזאַ מצב. דאַן טאָרסטו נישט זוכן אַן אַנדערע סאָרט עבודה, עכד"ק של אאמו"ר זצ"ל. (פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן נישט די מינדעסטע השגה אין צדיקים אַזוי ווי דער "דור המדבר" - נישט אין דעם וואָס זיי האָבן געזוכט אַ מלחמה מיט'ן יצר הרע, און נישט אין דעם וואָס דער אויבערשטער האָט געצערנט אויף זיי. מיר קענען אָבער לערנען דערפון ווי ווייט אַ מענטש דאַרף דינען דעם אויבערשטען ברוך הוא, אויף דעם אָרט און אין דעם מצב אין וועלכן ער האָט איהם אַוועקגעשטעלט)

**ג.** דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע, שרייבט אין אַ מכתב תנחומין ("בית אברהם", מכתבי קודש, אגרת ל"ג), אַז נאָך די הסתלקות פון זיין טאַטן, הרה"ק בעל "דברי שמואל, זי"ע, האָט דער אַמשינאָווער רבי זצ"ל איהם געשריבן אין אַ בריוו, חז"ל זאָגן (מגילה לא:) "סתירת זקנים בנין". ווען א עלטערע מענטש מיט אַ סאַך ערפאַרונג אין לעבן, זאָגן דיר אַז דו זאָלסט איינוואַרפן אַ בנין, איז אינעם איינוואַרפן באַהאַלטן אַ נייער "בנין". ס'איז בכלל נישט דאָ דערין אַ "חורבן" ח"ו, נאָר אַ "בנין". און דעריבער ווען עס פאַסירט אַ "סתירה" פון דעם אויבערשטען, וואָס ער ווערט אָנגערופן "עתיק יומין" (דער "עלטסטער" אויף דער וועלט), אַוודאי געוויס אַ גוטער "בנין"...

מיר האָבן געהערט פון דעם באַקאַנטן טייערן איש החסד הרב ר' שמואל לעווינסאָהן שליט"א, וועלכער שטייט אין שפּיץ פון אַ גרויסע חסד אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרקויפט עסן און אַנדערע נויטיגע לעבנס-אַרטיקלען פאַר ביליגע פרייזן, אין אַ סאַך היימישע געגנטער אין ארץ ישראל, כדי לייכטער צו מאַכן פאַר אחינו בני ישראל פון די טייערע פרייזן. פאַר דעם צוועק, האָט ער אַ גרויסן "ווערהאַוס", דריי שטאָק הויך, אין דער געגנט "הר טוב", נישט ווייט

אַרויף אויפ'ן גלאָז אַ שטיק זילבער, וואָס פאַרוואַנדלט דעם גלאָז אין אַ "שפּיגל". קומט אויס, אַז די "הסתרה" וואָס פאַרשטעלט דעם מענטשן'ס אויג צו קענען זעהן (דורכ'ן גלאָז) איז דער תכלית פון די אַרבעט פונעם פאַכמאַן, וואָס האָט געמאַכט דעם שפּיגל.

**דאָס** איז די כוונה פון פּסוק: "במראה". פּונקט אַזוי ווי אַ שפּיגל וואָס פאַרשטעלט מ'זאָל נישט קענען זעהן, אַזוי אויך "אליו אתוודע", אין זכות פון די שוועריגקייט און די הסתרה, ווען דער מענטש שפּירט אַז אַלעס איז פאַר איהם פאַרמאַכט און "פאַרשטעלט", דעמאָלס באַווייזט זיך דער אויבערשטער צו איהם.

**דאָס** איז אויך מרומז אין דעם פּסוק אָנהייב סדרה (ח, ד) "וזה מעשה המנורה מקשה זהב" וגו'. לכאורה איז שווער, דאָ (אין פרשת בהעלותך) רעדט דאָך די תורה

---

פון בית שמש. דאָרט האָט ער אויך אַ קליינעם צימער, וואָס דינט פאַר איהם אַלס אַן "אָפיס", צו פירן אַלע חשבונות. אין דעם אָפיס זיצט ר' שמואל יעדן טאָג, עטליכע שעה, אָנגעהויבן פון צען אַזייגער אינדערפרי.

ביים סאַמע אָנהייב פון דער "קאָראָנאַ" תקופה, ווען עס איז פאַרבאָטן געוואָרן פאַר מענטשן צו פאָרן פון איין אָרט צום אַנדערן, צוליב דעם "לאָק-דאַון" וועלכע זענען שטרענג אינפאָרסירט געוואָרן, האָט אונזער ר' שמואל באַקומען אַ ספּעציעלע ערלויבעניש צו קענען אַרומפאָרן, וויבאַלד ער איז דאָך פאַרנומען מיט צושטעלן עסן פאַר מענטשן.

פאַרגאַנגענעם יאר, אין די טעג נאָך פּסח תש"פ, איז געמאָלדן געוואָרן אַ ספּעציעלער "לאָק-דאַון" בלויז אין געוויסע געגענטער אין ירושלים, ווי קרית בעלזא, רוממה, און אַנדערע, מ'זאָל נישט קענען אַרויסגיין פון דאָרט צו אַנדערע ערטער. האָט ר' שמואל, וועלכער וואוינט אויף דער סאָראָצקין גאַס אין ירושלים, אַריינגעגעבן אַ ביטע פאַר אַן ערלויבעניש, ער זאָל מעגן אַרויספאָרן פון דער היים, צו זיין "ווערהאַוס" אין בית שמש, אָבער אָן ערפאָלג. טראָץ די פאַרשידענע השתדלות'ן און "פאַרבינדונגען", וואָס ר' שמואל (וועלכער איז נישט אַ "בטלן"...) האָט מיט די אַרטיגע באַאמטע, האָט ער זיך אָבער אָנגעשטויסן אין אַ וואַנט... אַזוי איז געווען מוצאי שבת, און זונטאָג אינדערפרי. דאָס אַלעס האָט איהם שטאַרק געוואונדערט, ווייל ער האָט דאָך אויפגעוויזן פאַר די באַאמטע, אַז ער שטעלט-צו לעבנס וויכטיגע אַרטיקלען פאַר פאַמיליעס. און נישט נאָר דאָס, נאָר זיין שכן, וועלכער "אַרבעט" ביי איהם, האָט יאָ באַקומען ערלויבעניש אַרומצופאָרן, אָבער ער, דער "דירעקטאָר" בכבודו ובעצמו, האָט נישט באַקומען אַזאַ "פּערמיט"...

בלית ברירה, האָט ר' שמואל באַשלאָסן זיך אַרויסצולאָזן אויפ'ן וועג, מיט דער האָפענונג אַז אויב די פּאָליציאַנטן וועלן איהם אָפּשטעלן, וועט ער זיי וויזן זיינע פּאַפּירן, וואָס דייטן-אָן אויף זיין עבודת הקודש, אַז ער טוט אַ וויכטיגע אַרבעט. ער וועט זיי אויך ווייזן די ספּעציעלע ערלויבעניש, וואָס ער האָט באַקומען דאָס פריערדיגע מאָל.

למעשה, אָבער, ווען ר' שמואל איז אָנגעקומען צום "טשעק-פּאוינט", האָט דער פּאָליציאַנט איהם אויפגעהאַלטן, און נישט איהם איינגעשטימט אַדורכצולאָזן צו פאָרן ווייטער אויפ'ן וועג. ער האָט איהם אָפען געזאָגט, אַז ער דאַרף זיך אומקערן אַהיים. אויב נישט, וועט ער באַשטראָפט ווערן מיט'ן גאַנצן "חומר הדין".

בלית ברירה, איז ר' שמואל צוריקגעפאָרן אַהיים, נישט קענענדיג באַגרייפן וואָס דאָ קומט פאָר, און פאַרוואָס דער פּאָליציאַנט האָט איהם אַזוי שטרענג באַהאַנדלט. אַ קורצע צייט שפּעטער, האָבן צו איהם טעלעפאָנירט די אַרבעטער אינעם "ווערהאַוס", און איהם געזאָגט מיט גרויס איבערראַשונג, ער זאָל דאַנקען און לויבן דעם באַשעפער, פאַר די חסדים וואָס ער האָט געטוהן מיט איהם, און איהם צוריקגעהאַלטן פון קומען אין אָפיס... ווייל פּלוצלינג, 12 אַזייגער מיטאָג, איז געפאַלן אַ גאַנצער "פּעלעט" פיל מיט סחורה, וואָס איז געווען אויפ'ן דריטן שטאָק, און איז אַראָפּגעפאַלן אויף דעם צימער וואו עס געפינט זיך דער "אָפיס" פון ר' שמואל... (אַ "קרעין" וואָס האָט געברענגט עסן-אַרטיקלען, איז דאָרט געבליבן שטעקן, אַ זאַך וואָס האָט דאָרט נאָך קיינמאָל פריער נישט פּאַסירט). און פון דעם שטאַרקן קלאַפּ און די שווערע וואָג פונעם "פּעלעט", איז דער צימער פון זיין "אָפיס" צוזאַמענגעפאַלן, און עס איז נישט איבערגעבליבן אַ "שריד ופליט" פונעם צימער... איבעריג צו זאָגן, אַז אויב ר' שמואל וואָלט געזעסן אין אָפיס אַזוי ווי יעדן טאָג, וואָלט שוין נישט געווען ווער עס זאָל דאָרט זיצן אַ טאָג שפּעטער, חלילה...

זעהען מיר פון דעם, אַז דער מענטש האָט נאָר "פליישיגע" אויגן, און מיט זיין קליינעם שכל, וויינט ער פאַרוואָס מ'וויל איהם פון הימל "שלעכטס טוהן" ח"ו, אָבער וואָס זאָגט דער אויבערשטער? דער אויבערשטער זאָגט, ס'איז

ווען הדלקת המנורה, נישט וועגן די "מעשה המנורה", ווי אַזוי צו מאַכן די מנורה, וואָס די תורה רעדט דערפון אין פרשת תרומה, און אין פרשת ויקהל? אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָגט דאָ דער פסוק, "וזה מעשה המנורה מקשה זהב"?

**ענטפערט** הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע (ס' "ליקוטי הרי"ם", פרשתינו), לויט ווי חז"ל זאָגן (במדב"ר פט"ו י) אַז משה רבינו ע"ה האָט געהאַט שוועריגקייטן ביים מאַכן די מנורה (דאָס וואָרט "מקשה" מרמז אויף שוועריגקייטן ("קושי")). לערנט אונז די תורה דאָ, אין פרשת בהעלותך, ביי די פרשה פון 'הדלקת' המנורה אַז דייקא פון דעם וואָס משה רבינו ע"ה האָט זיך געפּלאָגט צו מאַכן די מנורה, פון דעם גופא איז געוואָרן די גרויסע לעכטיגקייט פון דער מנורה.

**אַזוי** איז אויך בנוגע יעדע זאַך אויף דער וועלט, וואָס קומט אָן שווער פאַר דעם מענטש עס צו טוהן. לויט די יגיעה, קומט די לעכטיגקייט[ד], ווי חז"ל זאָגן (מגילה ו:) "יגעת ומצאת תאמין"[ה].

---

נישט אַ "רעה" ח"ו, נאָר עס איז אַ גרויסע טובה פאַר דיר, כדי דיך צו ראַטעווען פון אַ זיכערן טויט רח"ל. ממילא, האָסטו זיך נישט וואָס אָפּצורעדן איבער דיין מצב...

**ד.** די גמרא זאָגט (מנחות ל.) אַז ווען איינער קויפט אַ ספר תורה אויף דער גאַס, איז גלייך ווי ער וואָלט געכאַפּט (אַ מצוה) אויף דער גאַס. אויב ער שרייבט די ספר תורה, ווערט עס איהם גערעכנט גלייך אַזוי ווי ער מקבל געווען די תורה אויפ'ן באַרג סיני.

זאָגט דער "בית יוסף" (יו"ד סי' ע"ר) "כחוטף מצוה" - ער באַקומט נישט אַזוי פיל שכר ווי דער מענטש וואָס האָט זיך מטריח געווען צו שרייבן אַ ספר תורה, און די מדת הדין קען טענה'ן, אַז ווען נישט דער פאַקט וואָס ער האָט זיך נישט געדאַרפט פלאָגן דערפאַר, וואָלט ער עס נישט געטוהן. אָבער אויב ער באַמיט זיך אַליין צו שרייבן אַ ספר תורה, אָדער ער דינגט אַ סופר וואָס זאָל עס פאַר איהם שרייבן, און ער באַמיט זיך צוצוגרייטן פאַרמעגט און "אויסהאַלטן" דעם עול פונעם סופר, ביז די ספר תורה וועט פאַרטיג ווערן אינגאַנצן, איז גלייך "כאילו קיבלו מהר סיני", ווייל דעמאָלס קען מדת הרחמים האָבן אַ טענה, אַז פונקט ווי ער האָט זיך באַמיט פאַר די ספר תורה, אַזוי וואָלט ער זיך אויך איבערגעשטרענגט צו גיין אין מדבר, צו נעמען די תורה אויפ'ן באַרג סיני.

ענליכע ווערטער, שרייבט דער "תפארת שלמה" (ליקוטים, פ' ויקהל, ד"ה "וכל"), אַ וואָרט בדרך צחות, אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (יא, ה) "זכרנו את הדגה אשר נאכל במצרים חנם". מיר געדענקען די פיש וואָס מיר האָבן געגעסן אין מצרים אומזיסט. זאָגט רש"י: "חנם, מן המצוות". דאָס איז אַ רמז, אַז אַ מצוה וואָס ווערט געטוהן אומזיסט, און מ'דאַרף נישט אויסגעבן געלט פאַר די מצוה, איז עס אַזוי ווי "אָן מצוות". די הויפּט-כוונה איז צו לערנען אונז די חשיבות פון אַ מצוה, ווען עס קומט-אָן שווער פאַר דעם מענטש עס מקיים צו זיין. די שוועריגקייט קומט צוליב אַ מאַנגל אין געלט, אָדער ווען עס קומט איהם אָן שווער צוליב דעם וואָס דער יצר הרע פּרובירט זיך שטאַרקן איבער איהם.

**ה.** איינע פון די גדולי ראשי הישיבות דערציילט, אַז אַלס בחור האָט ער געלערנט אין דער ישיבה "קול תורה" אין ירושלים, וואו עס האָט געדינט אַלס ראש ישיבה דער גאון און פוסק רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל. אַ געוויסע צייט, האָט ער געשפּירט אַ שטאַרקע נאָכגעלאָזנקייט אין לערנען און דאַווענען, און ער האָט געהאַלטן ביי אַ מצב פון אַ קריזיס ל"ע. ווען ער האָט זיך אָפּגערעדט פון האַרצן פאַר דעם ראש ישיבה, רבי שלמה זלמן אויערבאַך, האָט ער איהם געזאָגט:

- צו האָסטו אַמאָל געזעהן ווי אַ שניידער אַרבעט? ווען ער נייט-אויף אַ שיין קלייד, נעמט ער אַ שטיקל טייערע סחורה, אַ מעסער און אַ שערל, און ער צעשניידט די סחורה אויף גרעסערע און קלענערע שטיקלעך, גלייכע און קרומע. אַ צווייטער וואָס קוקט זיך צו פון דער זייט, קען טראַכטן, אַז דאָס איז נישט אַ שניידער, נאָר איינער וואָס טוט פשוט קאַליע מאַכן סחורה, און ער האָט נישט קיין אַנונג ווי אַזוי מ'נייט-אויף אַ קלייד... ער וועט מסתמא גוט אָנשרייען דעם שניידער: "וואָס טוסטו?". וועט דער שניידער איהם ענטפערן: "האָב נאָר אַביסל געדולד"...

- אַ צייט שפּעטער, וועט ער באַמערקן ווי עס איז פלוצלינג "אויפגעשוואומען" אַן ערמל. שפּעטער, דער חלק פונעם האַלדז, און אַזוי ווייטער און ווייטער, ביז ער וועט זעהן פאַר זיינע אויגן אַ הערליך פאַרטיג קלייד.

**דער** מדרש זאָגט (במדב"ר פט"ו, ז) אויפ'ן פסוק אָנהייב סדרה (ח, א) "בהעלותך את הנרות", האָט רבי חנינא געזאָגט, דער אויבערשטער זאָגט, "עינים שיש בך, יש בתוכן לבן ושחור, ואין אתה רואה מתוך הלבן, אלא מתוך השחור". די אויגן וואָס דו האָסט, האָבן אין זיך אַ ווייסן טייל און אַ שוואַרצן טייל, און דו זעהסט נישט פון דעם ווייסן טייל, נאָר פון דעם שוואַרצן טייל. "ומה אם עיניך, שיש בתוכן שחור ולבן, אין אתה רואה אלא מתוך השחור" - מה דאָך דיינע אויגן, וואָס האָבן אין זיך אַ שוואַרצן טייל און אַ ווייסן טייל, זעהסטו נישט נאָר דורך דעם שוואַרצן טייל. "הקדוש ברוך הוא שכולו אורה, הוא צריך לאורה שלכם", איז דאָך אַוודאי געוויס אַז דער אויבערשטער, וואָס ער איז אינגאַנצן לעכטיג, דאַרף אָנקומען צו אייער לעכטיגקייט.

**פון** דאָ האָבן צדיקים געלערנט ("שפתי צדיק", פרשתינו), אַ וועג אין לעבן פון יעדן איד. נישט אַלע צייטן זענען גלייך. אַמאָל שפירט דער מענטש אַ גרויסע לעכטיגקייט, אַזוי ווי דער ווייסער טייל פון זיינע אויגן, ווייל עס שיינט אויף איהם דער אור פונעם באַשעפער, וועלכער פירט איהם, סיי ברוחניות, סיי בגשמיות. פון דער צווייטער זייט, פּאַסירט אַמאָל אַז דער מענטש שפירט ווי די וועלט איז איהם פינצטער, אַזוי ווי דער שוואַרצער טייל פון זיינע אויגן, פון אַלע זייטן זעהט ער שוועריגקייטן, צי פון דעם יצר הרע וואָס לויפט איהם נאָך, אָדער אנדערע גשמיות'דיגע פּראָבלעמען[ו].

**עס** זענען דאָ מענטשן וואָס מיינען בטעות, אַז די עיקר עבודה און חשיבות פון אַ מענטש איז אין די צייטן ווען עס שיינט אויף איהם דער אור פון דעם באַשעפער, און נישט ווען עס איז די ליכטיגקייט און פינצטערניש אויסגעמישט פאַר איהם, און אַוודאי געוויס ווען עס איז איהם אינגאַנצן "פינצטער" ח"ו.

**אויף** דעם זאָגט רבי חנינא: "אין אתה רואה מתוך הלבן, אלא מתוך השחור". דווקא פונעם "טונקעלן" קענסטו זעהן דעם אויבערשטן. דו זאָלסט נישט מיינען אַז דער אויבערשטער גליסט מער אין די צייטן ווען עס איז דיר לעכטיג, ווייל דער אויבערשטער, וואָס ער איז "כולו אורה" - פיל מיט לעכטיגקייט, דאַרף נישט אָנקומען צו אייער לעכטיגקייט. אָבער אין "טונקעלע" צייטן, דאַרף דער אויבערשטער כביכול יאָ

---

און רבי שלמה זלמן האָט אויסגעפירט:

- זאָג נאָר, בחור'ל, צו האָט דער שניידער געקענט אויפנייען אַ גאַנץ קלייד, אָן דעם וואָס ער זאָל קודם צעשניידן די סחורה אויף קלענערע שטיקלעך? עס איז דאָך פשוט, אַז ניין. מ'קען נישט אויפנייען אַ קלייד, אויב מ'צעשניידט נישט ערשט די סחורה אויף קלענערע שטיקלעך, און אין פאַרשידענע מאָסן. דאָס זעלבע איז מיט'ן "קלייד" וואָס רופט זיך "אדם גדול" - אַ גרויסער מענטש. ער ווערט נישט "אויפגעבויט", נאָר דורך "נפילות" און "ירידות", און ווען מען "צעשניידט איהם" אויף שטיקער... נאָר אַזוי באַקומט ער אַן אויסגעטראָטענעם וועג, צו שטייגן אין תורה און עבודת השם.

**ו.** די איינציגסטע עצה איז, צו בעטן דעם אויבערשטען מ'זאָל זוכה זיין צו אַ קירבת אלקים, נענטער צו זיין צו דעם באַשעפער, ווי דער מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, האָט געזאָגט ("לקט אמרי קודש", בהעלותך, ד"ה "וכי תבואו מלחמה", און אין ספר "מהר"י מבעלז", תרמ"ו), אויף דעם פסוק ביים קרבן מנחה (ויקרא ב, ב) "וקמץ הכהן וגו', והקטיר הכהן את אזכרתה", ווייל דורך דעם "קומץ", ווערט דער בעל הבית פונעם קרבן געדענקט פאַר דעם אויבערשטען. אויך ווען מ'האָט מקריב געווען אַ בהמה, האָט דאָס בלוט געדינט אַלס אַן "אזכרה" פאַר דעם באַשעפער. דאָס אַלעס האָבן מיר אָבער נאָר געהאַט אין דער צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען, אָבער היינטיגע צייטן, ווען מיר האָבן נישט קיין קרבנות, נישט אַ קרבן עולה, און נישט אַ קרבן מנחה, מיט וואָס קענען מיר געדענקט ווערן צום גוטן פאַר דעם אויבערשטען?

זאָגט דער פסוק (דער היינטיגער פרשה) "וכי תבואו מלחמה בארצכם על הצר הצורר אתכם, והרעותם בחצוצרות, ונזכרתם לפני ה'". "צר הצורר" איז מרמז אויפ'ן יצר הרע, וואָס ער מאַכט "ענג" פאַר דעם מענטש. די עצה פאַר'ן מענטש ער זאָל זיך קענען ראַטעווען פון די איבעררעדענישן פון דעם יצר הרע, איז "והרעותם" - ער זאָל שרייען און בעטן דעם אויבערשטען, "אב הרחמן, עמוד על ימיני וסמכני, וכוף את יצרינו להשתעבד לך", און אַזוי וועט ער זוכה זיין "ונזכרתם לפני ה'", דער אויבערשטער וועט איהם געדענקען צום גוטן.

אונזער עבודה[ז], ווייל אַזאַ עבודה אין דער "פינצטערניש", האָט נישט דער אויבערשטער פון די מלאכים, נאָר פונעם מענטש וואָס געפינט זיך אויף דער וועלט[ח].

**אַזוי** זאָגט הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע ("ליקוטי הרי"ם", תזריע), די חסידים מיינען אַז זיי זענען ווייט פון דעם אויבערשטען, און זיי גליסטן צו האָבן אַ געפיל פון התעוררות און התלהבות צו עבודת ה'. דאָס איז אבער אַ נאַרישקייט. ווייל ס'איז מעגליך אַז אין הימל וויל מען זיי העלפן דווקא אין דער פינצטערניש.

**אַזוי** זאָגט אויך דער מדרש אין דער היינטיגער סדרה (במדב"ר פט"ו, ח) וועגן דעם ענין פון צינדן די לעכט אין די מנורה. פרעגט דער מדרש, צו דאַרף דען דער אויבערשטען האָבן אונזער צינדן די לעכט? דער פסוק זאָגט דאָך (תהלים קלט, ב) "גם חושך לא יחשיך ממך, ולילה כיום יאיר כחשיכה כאורה". דער אויבערשטער מאַכט לעכטיג די נאַכט, אַז די פינצטערניש זאָל זיין לעכטיג. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער באַפוילן אָנצוצינדן לעכט אין די מנורה?

**ענטפערט** דער מדרש מיט אַ משל, אַ קעניג האָט געהאַט אַ גוטן פריינט (אַ פשוטער מאַן). האָט דער קעניג געזאָגט צו זיין גוטן פריינט: "וויסן זאָלסטו, אַז איך גרייט זיך צו קומען צו דיר אַהיים, אויף אַ סעודה. גיי אַהיים, און גרייט-אָן פאַר מיר אַ סעודה". איז דער פריינט פונעם קעניג אַהיים געגאַנגען, און האָט צוגעגרייט אַ פשוט'ן בעט, אַ פשוט'ן לייכטער, און אַ פשוט'ן טיש, אלעס לויט זיינע השגות און מעגליכקייטן. און ווען דער קעניג איז געקומען אין זיין הויז, באַגלייט פון זיינע באַדינער, האָבן זיי מיטגעברענגט אַ זילבערנע מנורה מיט נאָך פאַרשידענע זילבערנע כלים, אלעס פאַר דער כבוד פונעם קעניג.

**ווען** דער בעל הבית, דער פשוט'ער מענטש, האָט געזעהן דעם גאַנצן כבוד פונעם קעניג, האָט ער זיך געשעמט אַרויסצולייגן פאַר דעם קעניג זיינע אָרימע און פשוט'ע כלים, און ער האָט באַהאַלטן אַלעס וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט פון פריער. האָט דער קעניג איהם געפרעגט: "צו האָב איך דיר דען נישט געזאָגט אַז איך קום עסן בײַ דיר אַ סעודה? פאַרוואָס האָסטו גאָרנישט צוגעגרייט פאַר מיר?". האָט דער גוטער פריינט געענטפערט פאַר'ן קעניג:

- איך האָב געזעהן דעם גאַנצן כבוד וואָס איז מיטגעקומען מיט דיר, האָב איך זיך געשעמט און איך האָב באַהאַלטן אַלע פשוט'ע כלים וואָס איך האָב צוגעגרייט פאַר דיר.

**האָט** דער קעניג איהם געזאָגט:

- איך שווער ביי דיין לעבן, אַז איך וועל אַוועקלייגן אַלע כלים וואָס איך האָב געברענגט מיט מיר. צוליב דיין ליבשאַפט צו מיר, וועל איך זיך באַנוצן נאָר מיט דיינע (פשוט'ע) כלים.

---

**ז.** הגה"צ רבי ירוחם זצ"ל פון מיר, זאָגט ("דעת חכמה ומוסר", ח"ב, ע' קכב): עס זענען דאָ מענטשן וואָס מיינען אַז דער הויפּט-תכלית פון זייער אַראָפּקומען אויף דער וועלט, איז צו טוהן תורה און מצוות, און אויך ווען עס קומט זיי אָן שווער, ליגט נאָך אַלץ אַ פליכט אויף זיי עס צו טוהן. דער אמת איז אָבער פאַרקערט, ווי דער פסוק זאָגט (איוב ה, ז) "אדם לעמל יולד". דער מענטש איז געבוירן געוואָרן און אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט, דייקא זיך צו פּלאָגן און האָרעווען. דער עיקר תכלית פון אַ איד איז, צו דינען דעם אויבערשטען דווקא ווען עס קומט איהם אָן שווער.

**ח.** דער "ספר החיים" (ספר זכויות, פ"ו) ברענגט אַ וואונדערליכן רמז אויף דעם אות "צדיק". דער אות "צדיק" איז געבויט פון אַ נו"ן, און פון אויבן איז דאָ אַ יו"ד. דער אות נו"ן איז מרמז אויף "נפילה" ח"ו (ברכות ד:). אויך ווען דער מענטש פאַלט ח"ו, האָט ער אַ תקנה ווען ער איז גרייט צו טראָגן אויף זיך דעם עול פון דער "יו"ד". דאָס הייסט, דעם עול פון אידישקייט. ער וויל מקיים זיין תורה און מצוות פון יעצט און ווייטער, און אַזוי ווערט ער אָנגערופן אַ "צדיק". ער זאָל נישט זאָגן, איך בין דאָך שוין אַ פאַרלוירענער ח"ו, איך האָב שוין אַראָפּגענומען פון זיך אַביסל דעם עול תורה ומצוות, און ממילא, וועל איך עס אינגאַנצן אַראָפּוואַרפן ח"ו פון זיך, נאָר ער זאָל זיין גרייט צו טראָגן דעם עול פון תורה ומצוות פון יעצט און ווייטער. "פריקה" - קלענער מאַכן די לאַסט, טרעפט מען נאָר ביי אַ בהמה, נישט ביי אַ מענטש... ע"כ.

**דער** נמשל איז: דער קעניג האָט געגוג גאָלדענע כלים און אַנדערע טייערע אוצרות ביי זיך אינעם פּאַלאַץ. ער דאַרף נישט אָנקומען צו די "טובות" פון זיין פּשוט'ן גוטן פריינט, אַז ער זאָל באַשיינען זיין טיש מיט טייערע כלים. עס פעלן איהם נאָר די פּשוט'ע כלים, וואָס דער פּשוט'ער מענטש שטעלט אַהער לויט זיינע כוחות.

**פּירט** אויס דער מדרש: אַוודאי איז דער אויבערשטער דער בעל הבית פון דער גאַנצער וועלט. ער איז דער בעל הבית פון לעבטיגקייט, און ער האָט אַ נחת רוח ווען די מענטשן, "קרוצי חומר" ברענגען פון זייערס, לויט ווי עס דערגרייכט זייער שוואַכע האַנט, ווייל דאָס גייט אַרויף "לריח ניחוח" פאַר'ן באַשעפער[ט].

**דאָס** איז אַן ענטפער, וואָס יעדער מענטש קען ענטפערן פאַר זיין יצר הרע ווען ער וויל איהם איבעררעדן, אַז עס פּאַסט נישט אַז אַזאַ נידעריגע באַשעפעניש ווי ער, זאָל דינען דעם גרויסן מעכטיגן באַשעפער. ער זאָגט פאַר דעם מענטש, וואַרט-צו, ווייל אפשר וועט דער אויבערשטער רחמנות האָבן אויף דיר, און ער וועט דיר געבן לעבטיגע צייטן, און דעמאָלס וועסטו קענען טוהן אַ נחת רוח פאַר דעם אויבערשטען.

**דער** אמת איז אָבער פאַרקערט, אַדרבה! דער אויבערשטער גליסט מער אין די עבודה פונעם מענטש ווען ער איז דערווייטערט, און נישט נאָר דאָס, נאָר ער דאַרף דאַנקען דעם אויבערשטען ברוך הוא, ווי דער נביא זאָגט (ירמיה לא, ב) "מרחוק ה' נראה לי". דורך די דערווייטערונג פון דעם אויבערשטען, ווערט מען נענטער צו איהם.

**והטבנו לך - קוקן אויף אַנדערע מיט אַ גוט אויג**

**ווייטער** אין דער פּרשה (י, לב) לייענען מיר, משה רבינו ע"ה האָט געזאָגט צו זיין שווער יתרו: "והיה הטוב ההוא אשר ייטיב ה' עמנו והטבנו לך". זאָגט דער "חתם סופר" זי"ע (ד"ה "לכה אתנו"), אַז איינע פון די טובות וואָס דער אויבערשטער טוט מיט אַ איד, איז וואָס ער איז איהם מזכה צו טוהן גוטס מיט אַנדערע מענטשן. דאָס זאָגט דער פּסוק, "והיה הטוב ההוא אשר ייטב ה' עמנו", דאָס גוטס וואָס דער אויבערשטער וועט טוהן מיט אונז, וועט זיין: "והטבנו לך" - אַז מיר וועלן זוכה זיין גוטס צו טוהן מיט דיר.

**גאָר** גרויס איז דער שכר וואָס מ'באַצאָלט אין הימל פאַר איינעם וואָס טוט גוטס מיט אַנדערע מענטשן, ווי דער "דגל מחנה אפרים" (פ' בשלח) טייטשט דעם פּסוק אין דער היינטיגער סדרה (יא, ז) "והמן כזרע גד הוא". חז"ל זאָגן (שבת קנא:) "כל המרחם על הבריות, מרחמין עליו מן השמים". דער מענטש וואָס האָט רחמנות אויף אַנדערע, האָט מען אין הימל רחמנות אויף איהם. אויף דעם זאָגט דער פּסוק: "והמן" - די פּרנסה און שפע וואָס קומט אויפ'ן מענטש פון הימל, "כזרע גד הוא". ג"ד ראשי תיבות ג'ומל ד'לים, איז לויט וויפיל גמילות חסדים דער מענטש טוט מיט אַנדערע מענטשן, אַזוי פיל "מן" - פּרנסה, האָט ער[י].

---

**ט.** מ'קען מוסיף זיין דערצו, מיר געפינען ביי תפילין של יד, אַז מ'לייגט עס אויף דער לינקער האַנט, ווייל זי איז די שוואַכערע האַנט, ("ידכה - יד כהה"). דער מענטש האָט צוויי הענט, צוויי אויגן, צוויי אויערן, און אַזוי ווייטער. ביידע איברים טוען די זעלבע פּעולה. ער קען הערן מיט זיין לינקען אויער, פּונקט אַזוי ווי ער קען הערן מיט'ן רעכטן אויער. ער קען זעהן מיט'ן לינקען אויג, פּונקט ווי מיט זיין רעכטן אויג, א.א.וו. די הענט, זענען אָבער אַנדערש: רוב פּעולות, טוט דער מענטש מיט זיין רעכטע האַנט, ווייל זיין רעכטע האַנט איז שטאַרקער ווי די לינקע האַנט. וועגן דעם האָט דער אויבערשטער באַפוילן צו לייגן תפילין (וואָס איז מרמז אויף "דביקות" אין דעם אויבערשטען) דייקא מיט דער שוואַכערער האַנט, די "יד כהה" (די לינקע האַנט) מרמז צו זיין, אַז דייקא אין זיינע "שוואַכערע" צייטן, איז דער מענטש דבוק אין דעם אויבערשטען ברוך הוא. דאָרט ווערט אַנטפּלעקט "יחודו ואחדותו יתברך שמו בעולם".

**י.** דער פּסוק פירט אויס מיט די ווערטער, "ועינו כעין הבדולח". זאָגט דער "בית אברהם" (פרשתינו) אַז דאָ איז מרומז נאָך אַ סגולה פאַר פּרנסה ("והמן"): "ועינו כעין הבדולח". אויב דער מענטש היט-אָפּ זיינע אויגן, נישט צו קוקן וואו מען טאָר נישט קוקן, איז ער זוכה צו פּרנסה. וואָס מער ער ערפילט אָבער זיין תאוה מיט קוקן וואו מ'טאָר נישט קוקן, נעמט ער אַראָפּ פון זיין פּרנסה און רווחים פון היתר. "מדה טובה מרובה" - ווען ער היט זיינע אויגן, האָט ער מער פּרנסה. דאָס איז געזאָגט געוואָרן נישט נאָר בנוגע "פּרנסה", נאָר שמירת עינים מיט יראת שמים, איז משפיע אַלע השפעות טובות אויפ'ן מענטש.

**אין** כלל פון די "הטבה" (והטבנו לך") איז, מ'זאָל האָבן אַ גוט אויג פאַר'ן חבר. מ'זאָל זיך פרייען מיט זיין שמחה, מיט זיין הצלחה און גרויסקייט.

**אַזוי** געפינען מיר אין דער היינטיגער סדרה (ח, יח-יט) "ואקח את הלוים תחת כל בכור בבני ישראל... לעבוד את עבודת בני ישראל באהל מועד ולכפר על בני ישראל". זאָגט רש"י, אַז אין דעם פסוק שטייט 5 מאָל די ווערטער "בני ישראל", דיך צו לאָזן הערן ווי באַליבט די אידן זענען (ביי דעם אויבערשטען), אַז זיי ווערן דערמאָנט אין איין פסוק 5 מאָל, אַנטקעגן די "חמשה חומשי תורה".

**זאָגט** דער "שם משמואל" זי"ע (שנת עת"ר, ד"ה "ולכפר"), אַז כאָטש דער פסוק זאָגט "ולכפר על בני ישראל", שטייט נישט אַרויסגעשריבן אין פסוק וואָס די כפרה איז געווען. מיר געפינען נישט אַז זיי האָבן געברענגט אַ קרבן א.ד.ג., פאַר זייער כפרה.

**זאָגט** דער "שם משמואל", די אידן האָבן דאָ געוויזן אַז זיי האָבן אין זיך די מדה פון אַ גוט אויג. ווען זיי האָבן געזעהן אַז דער אויבערשטער האָט אויפגעהויבן די מעלה פון די לויים מער פון גאַנץ כלל ישראל, און גיט זיי אַ גרעסערע קדושה ווי די אידן, פונדעסטוועגן, האָבן זיי נישט געהאַט קנאה. אדרבה, זיי האָבן נוהג געווען מיט אַ טובת עין, און האָבן זיך געפרייט מיט די קדושה און די גרויסע מעלה צו וועלכע די לויים האָבן זוכה געווען, און אין דער מדה פון "עין טובה", זענען נכלל אַלע מדות, ווי די חז"ל זאָגן (אבות פ"ב, מ"ט) "עין טובה".

**פירט** אויס דער "שם משמואל", אַז דאָס האָט דער אויבערשטער געלאָזט וויסן די ליבשאַפט פון די אידן, אַז זיי זענען באַליבט אַזוי ווי די חמשה חומשי תורה, וואָס די מדה פון אַ גוט אויג איז אַ כפרה פאַר'ן מענטש, און דאָס איז געווען די כפרה פון די אידן,

---

איינע פון די יקירי קרתא דשופריא אין ירושלים, איז ביים אָנהייב פון דער "קאָראָנאַ"-תקופה, צוריקגעקומען פון אַ רייזע אין אַמעריקע. (דאַן, אין אָנהייב, האָט מען נאָך נישט געוואוסט וועגן די געפאַרן וואָס לאָקערן אויף איינעם וואָס פאָרט אויף אַן עראָפּלאַן מיט איינעם וואָס ליידט פונעם "ווירוס" ל"ע). אויפ'ן עראָפּלאַן האָט מען איהם געגעבן אַ זיץ אינמיטן, צווישן צוויי מענטשן.ביידע שכנים (פון זיין רעכטער זייט, און פון זיין לינקער זייט), האָבן במשך פון גאַנצן וועג גענוצט זייערע טמא'נע "כלים" רח"ל, און האָבן "מעיין געווען" דערין מיט אַ וואונדערליכע "עמקות"... דער איד האָט פשוט אויפגעציטערט זעהענדיג וואָס דאָ קומט פאָר, און כדי אָפּצוהיטן זיינע אויגן און זיין נשמה בקדושה, האָט ער זיך אַרומגעוויקלט מיט אַ סוועדער, און אַזוי איז ער געזעסן במשך דער גאַנצער רייזע קיין ארץ ישראל.

למעשה, איז ביי איהם מקוים געוואָרן דער פסוק, "יפול מצדך אלף ורבבה מימינך אליך לא יגש". ער איז, ברוך השם, אַדורכגעגאַנגען די גאַנצע "קאָראָנאַ" תקופה זייענדיג געזונט און פריש, ברוך ה'. נאָך מער: ווען ער איז אָנגעקומען קיין ארץ ישראל, איז ער אַהיים געפאָרן מיט אַ "טעקסי", צוזאַמען מיט נאָך אַ איד וואָס איז אָנגעקומען מיט'ן זעלבן עראָפּלאַן, וואָס שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז יענער איז געוואָרן אָנגעשטעקט מיט דעם ווירוס און זיין לעבן האָט זיך געפונען אין אַ סכנה. די דאָקטוירים האָבן איהם כמעט אויפגעגעבן ל"ע. אָבער דער טייערער איד וואָס האָט געהיטן זיינע אויגן, איז אַרויס גאַנץ, נישט האָבנדיג אַפילו אַ "זכר" פון די מחלה, ווייל דער אויבערשטער באַצאָלט שכר פאַר די ערליכע אידן, ווי דער מדרש זאָגט (במדב"ר פי"ד, ז) "אַז דער אויבערשטער זאָגט, "עלי לשלם שכר אותה העין". איך דאַרף באַצאָלן שכר פאַר דעם אויג (וואָס היט זיך נישט צו קוקן וואו מ'טאָר נישט).

דער גאון הרב ר' שמואל וואָזנער זצ"ל, בעל "שבט הלוי", האָט אַמאָל געדאַרפט קוקן אויף אַ מאַפּע פון דער וועלט, כדי מברר צו זיין אַ שאלה להלכה. איינע פון די אָנוועזענדע האָט אַרויסגעדרוקט אויף אַ "פּרינטער", אַ מאַפּע, וואָס ער האָט אויפגעזוכט אויף זיין "כלי" ("סמאַרטפאָון"). ווען ער האָט דערלאַנגט פאַר'ן רב די מאַפּע, האָט ער געזאָגט: "אָט זעהט דער רב, אַז פון די 'כלי' קען מען אויך האָבן אַ נוצן...".

האָט הרב וואָזנער איהם געענטפערט:

- ווען איך זאָל האָבן אַ גוטן 'חבר' וועלכער באַ'גנב'עט מיך פון צייט צו צייט, אָדער ער זאָגט מיר אַ ליגנט, וואָלט איך דען געפירט מיט איהם 'געשעפטן'?... דאָס זעלבע איז בנוגע די 'כלים'. אפילו אויב מ'קען האָבן אַמאָל אַ נוצן פון זיי, אָבער וויבאַלד זיי זענען 'אבות נזיקין', דאַרף מען פון זיי אַנטלויפן...!

ווייל דורך די לויים האָבן די אידן געקענט אַרויסברענגען פון זיך די מדה פון אַ גוט אויג[יא].

**על פי - זיך היטן דאָס מויל אין ענינים "בין אדם לחבירו"**

**אין** דער היינטיגער סדרה לייענען מיר (י, ד) "ואם באחת יתקעו, ונועדו אליך הנשיאים ראשי אלפי ישראל". ווען מ'וועט בלאָזן, וועלן זיך צוזאַמענעמען די נשיאים פון די שבטים, די פירער פון טויזנטער אידן.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, צו דען דאַרף מען האָבן חצוצרות צונויפצורופן צוועלף נשיאים פון די שבטים? פאַרוואָס האָט משה נישט געקענט שיקן אַ שליח וואָס זאָל זיי רופן צו די פאַרזאַמלונג ביי איהם?

**ענטפערט** דער רלב"ג, אַז אויב מ'וואָלט געשיקט שליחים צו רופן די נשיאים, זיי זאָלן זיך צוזאַמענקומען ביי משה, וואָלט דער יצר הרע געקענט מאַכן אַ קריגעריי צווישן די נשיאים. יעדער נשיא וועט האָבן טענות פאַרוואָס משה האָט גערופן אַ צווייטן נשיא, פריער ווי ער האָט איהם גערופן... "מסתמא האָט ער יענעם גערופן פריער, ווייל ער האַלט יענעם חשוב'ער ווי מיר...". אַזוי קען אויפפלאַקערן אַ פייער פון מחלוקת, און ווער קען וויסן די רעזולטאַטן דערפון, חלילה וחס. וועגן דעם האָט דער אויבערשטער געהייסן בלאָזן מיט די חצוצרות, און אַזוי וועט אויסקומען אַז אַלע נשיאים זענען איינגעלאַדנט געוואָרן אין דער זעלבער מינוט, און מ'האָט זיי אַלע אָפּגעגעבן דעם זעלבן כבוד, און אַזוי וועלן פאַרשטאָפּט ווערן די מיילער פון די בעלי מחלוקת.

**וועט** דער מענטש זאָגן, פאַרוואָס דאַרף איך ליידן צוליב אַ צווייטנ'ס "דמיונות"? איך גיי דאָך אויפ'ן

---

**יא.** אַ גוט אויג איז בכוח איבערצודרייען די נאַטורן און אייגנשאַפטן פון אַ צווייטן.

עס ווערט געברענגט אין ספר "תולדות ישמח ישראל", אַז אַמאָל ווען אַ שוואָגער פון הרה"ק בעל "ישמח ישראל" זי"ע פון אלכסנדר, האָט חתונה געמאַכט אַ זון, איז דער "ישמח ישראל" געפאָרן אויף דער חתונה, און ער איז דאָרט פאַרבליבן במשך די גאַנצע וואָך פון די "שבע ברכות". אין לעצטן טאָג פון די "שבע ברכות", האָט די מאמע פונעם חתן (די שוועסטער פונעם "ישמח ישראל"), פלוצלינג געזאָגט אַז די כלה געפעלט איר נישט... זי קען איר נישט אָנקוקן! זי האָט, אַלזאָ, געפאָדערט אויף אַ קאַטעגאָרישן אופן, אַז דער חתן זאָל צוריקקומען מיט איר אַהיים.

ווען דער "ישמח ישראל" האָט געהערט דערפון, האָט ער - זעלבסט-פאַרשטענדליך - געהאַט גרויס עגמת נפש, און ביי די לעצטע מסיבת שבע ברכות, האָט ער געזאָגט אַ וואָרט אויפ'ן פסוק (בראשית טז, ו) "עשי לה כטוב בעיניך". זאָגט דער תרגום אונקלוס: "כדתקין בעיניכי", אַזוי ווי ס'איז רעכט אין דיינע אויגן. פריער זאָגט דער פסוק (פסוק ד') "ותקל גבירתה בעיניה". זי האָט גרינגעשעצט שרה, איר האַרין, אין אירע אויגן. זאָגט רש"י, אַז שרה האָט געזאָגט, הגר ווייזט זיך אַרויס ווי זי וואָלט געווען אַ צדקת...

האָט דער "ישמח ישראל" געזאָגט: די מדה פון אברהם אבינו ע"ה איז געווען "עין טובה" - אַ גוט אויג (אבות פ"ה, מי"ט), וואָס איז דער היפוך פון אַ שלעכט אויג. פונקט ווי אַ שלעכט אויג איז גורם אַז אַ גוטע זאַך זאָל איבערגעדרייט ווערן צום שלעכטן ח"ו, אַזוי קען אַ גוט אויג איבערדרייען אַלע שלעכטע זאַכן צום גוטן, און ווען שרה האָט געזאָגט צו אברהם אבינו ע"ה, אַז הגר טוט איר גרינגשעצן, און זי גיט איר נישט אָפּ דעם ריכטיגן כבוד, האָט אברהם אבינו ע"ה איר געגעבן אַן עצה: "עשי לה הטוב" ("עשי" איז פון לשון תיקון - פאַררעכטן) דו זאָלסט פאַררעכטן הגר. ווי אַזוי? - זאָגט דער פסוק: "בעיניך" - מיט דיינע גוטע אויגן. דו זאָלסט קוקן אויף אירע מעלות, און אַזוי וועסטו קענען איבערדרייען צום גוטן אַלע שלעכטע זאַכן וואָס דו זעהסט ביי איר.

(די ווערטער פונעם "ישמח ישראל" האָבן טאַקע געמאַכט אַ רושם, און עס איז דאָרט ב"ה פאַרמיטן געוואָרן אַ גט רח"ל).

פון דעם קען יעדער איינער פון אונז זיך אַראָפּלערנען, אפי' אויב דו מיינסט אַז יענער איז אַ פאַרדאָרבענער... ער האָט שלעכטע נאַטורן, און ענליכע געדאַנקען, זאָלסטו קוקן אויף איהם מיט אַ גוט אויג, וואָס וועט צום סוף פירן דערצו, אַז ער זאָל פאַררעכטן זיינע וועגן, און אָפּלאָזן זיין שלעכטע אויפפיהרונג.

דאָס איז גילטיג אויך פאַר עלטערן און מחנכים. עס ליגט אין זייער האַנט איבערצודרייען די הערצער און די מוחות פון די קינדער און תלמידים צום גוטן, דורך דעם וואָס מ'קוקט אויף זיי מיט אַ גוט אויג, און מ'זאָגט איינמאָל און נאָך אַמאָל: יענער איז גוט... יענעמ'ס חשיבות איז גאָר גרויס... דורך דעם דרייט מען איבער זייערע נאַטורן.

גלייכן וועג, און אויב יענעם "דאַכט זיך" מיט אַ פאַלשע איינרעדעניש (אַז מיר גיט מען אָפּ מער כבוד ווי איהם), זאָל ער זיך אַליין "עסן דאָס האַרץ"...

**איז** דער תירוץ, לויט ווי דער "חידושי הרי"ם" זי"ע זאָגט ('ליקוטי הרי"ם') אויף דעם פסוק אין דער הייניגער סדרה (יב, ג) "והאיש משה עניו מאד" וגו', זאָגט רש"י: "שפל וסבלן". זאָגט דער "חידושי הרי"ם", אַז באמת איז עס אַ גרויסע מעלה זיך צו האַלטן קליין, אָבער ס'איז דאָ נאָך אַ גרעסערע מעלה, מ'זאָל קענען איבערטראָגן און אויסהאַלטן אויך דאָס שפלות פונעם חבר[יב]...

---

**יב.** מענין לענין באותו ענין: אַ מוראַ'דיגע מעשה דערציילט הרה"ג בנש"ק ר' חיים מאיר האגער שליט"א פון חיפה, וועלכער דינט אלס מגיד שיעור אין דער ישיבה גדולה "יחל ישראל" פון סערעט-וויזשניץ אין שטאָט. אין יאָר תשע"ט, האָט מען איינגעלאַדנט זיין בני בית פאָרצושטעלן אַ פראָגראַם פאַר 800 סעמינאַר-תלמידות. אינמיטן דעם פראָגראַם, האָט איינע פון די לערערינס איר באַפאַלן "לעיני כל הקהל", שרייענדיג אַז דער פראָגראַם אַנטהאַלט נישט קיין תוכן'דיגן אינהאַלט. האָט ר' חיים מאיר'ס רעביצין איר פּרובירט באַרואיגן, זאָגנדיג, "לאָזט מיך אויספירן וואָס איך האָב צו זאָגן, און האַקט מיך נישט איבער אינמיטן רעדן. ווען כ'וועל ענדיגן, וועט איר פאַרשטיין וואָס איך מיין"...

יענע לערערין האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי איר'ס, שרייענדיג: "ניין, ניין, הער-אויף די מינוט צו רעדן!".

ס'איז נישט מעגליך צו שילדערן די בושות וואָס זי האָט נעבעך געליטן פון קאָפּ ביז פיס... זי האָט מער נישט געקענט פאָרזעצן מיט'ן פראָגראַם, און נאָך עטליכע מינוט האָט זי זיך אַנטשולדיגט, און פאַרלאָזט דאָס אָרט מיט גרויסע בזיונות.

ווען זי איז אַהיים געקומען און אויסגעגאָסן פאַר איר מאַן, הרב ר' חיים מאיר שליט"א, איר ביטער האַרץ פון דעם וואָס מ'האָט איר דאָ יעצט געטוהן, האָט ר' חיים מאיר איר פּרובירט באַרואיגן, איר דערציילנדיג פאַרשידענע געשיכטעס פון מענטשן וואָס האָבן זוכה געווען צו זעהן גרויסע ישועות ווען זיי האָבן מוחל געווען פאַר מענטשן וואָס האָבן זיי פאַרשעמט. ער האָט איר אַלזאָ געבעטן זי זאָל מוחל זיין פאַר די לערערין וואָס האָט איר פאַרשעמט, און זי זאָל מקדיש זיין דעם זכות פאַר דריי בחורים פון זיינע תלמידים, וועלכע זענען שוין געווען העכער 23 יאָר, וועלכע זענען שוין "אין די יאָרן" פאַר שידוכים, און עס מאַכט זיך נישט אַ שידוך... און אזוי איז טאקע געווען. זי האָט מוחל געווען פאַר די פרוי, און ביז עטליכע וואָכן, זענען אַלע דריי געהאָלפן געוואָרן מיט פיינע שידוכים, ווען יעדער איינער פון זיי איז געווען אַ "נס" פאַר זיך!! (ס'איז נישט שייך אַריינצוגיין אין פרטים, אבער פאַר די וואָס ווייסן די מעשה פון דער נאָנט, ווייסן אויך די אפענע ניסים..)

אגב, ווען עס האָט זיך פאַרשפּרייט פאַר אַ יאָר צוריק די קאָראָנאַ מגיפה רח"ל, האָבן עסקנים פאַרעפנטליכט אַ מודעה (אַדווערטייזמענט) אַז ווער עס איז אַמאָל געטשעפּעט געוואָרן פון אַ צווייטן און האָט איהם מוחל געווען דעם בזיון, זאָל אַריינשיקן בכתב די מעשה, און ער וועט קענען אַריינגיין אין אַ גורל פאַר 18 טויזנט שקלים. דער ציל דערפון איז געווען, להרבות שלום בעולם, און צו פאַרמערן די זכותים פונעם דור און אָפּשטעלן דעם מלאך המשחית רח"ל.

דאַן האָט די משפחה פון הרב ר' חיים מאיר האַגער הנ"ל אַריינגעשיקט זייער סיפּור המעשה, און אין טאָג ב' סיון תש"פ (דער יאָרצייט פון זייער זיידן, הרה"ק בעל "אהבת ישראל" זי"ע פון וויזשניץ) האָט מען דורכגעפירט די הגרלה, און הרב ר' חיים מאיר האָט געוואונען דעם גורל...

דער אמת איז, אַז דער סכום וואָס ער האָט געוואונען (אַכצן טויזנט שקלים) איז נישט מער ווי אַ "משל" פון דעם גרויסן שכר וואָס איז אָנגעגרייט פאַר יעדן איינעם וואָס פאַרמאַכט דאָס מויל נישט צו ענטפערן פאַר דעם וואָס פאַרשעמט איהם, און דערצו איז ער איהם מוחל די עוולה פונעם בזיון.

הרה"ק בעל "ישמח משה" זי"ע זאָגט ("ישיר משה", שה"ש) אויף דעם פסוק (שה"ש א, ב) "ישקני מנשיקות פיהו". "נשיקה" איז מרמז אויף ליבשאַפט און פאַרגעניגן. פון וואָס האָט דער אויבערשטער אַ פאַרגעניגן ("ישקני")? זאָגט דער פסוק ווייטער: "מנשיקות פיהו" - ווען דער מענטש "פאַרקלאַפּט" זיינע לעפצן איינע צו די אַנדערע, נישט צו ענטפערן אַ צווייטן ווען ער פאַרשעמט איהם. פון דעם האָט דער אויבערשטער כביכול אַ געוואַלדיגן תענוג, ע"כ.

**גאָר** שטאַרק דאַרף מען זיין געהיטן נישט צו רעדן שלעכטס איינער קעגן דעם אַנדערן, נאָר אדרבה, רעדן נאָר גוטס אויף יענעם, ווי צדיקים האָבן געטייטשט (ס' "אילנא דחיי", פיעטריקוב, תרס"ח) דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ט, כ) "על פי ה' יחנו, ועל פי ה' יסעו". "על פי" - לויט וויפיל מ'היט דאָס מויל, איז מען גורם "ה' יחנו" - אַז דער אויבערשטער זאָל מאַכן רוען זיין שכינה אויפ'ן מענטש. "ועל פי"- און דורכ'ן מויל, קען מען גורם זיין "ה' יסעו". אויב מ'היט חלילה נישט דאָס מויל, פאַרטרייבט מען ח"ו פון זיך די הייליגע שכינה.

**ויהי בנסוע הארון - עוסק זיין אין תורה מיט אַ קביעות**

**אין** דער היינטיגער פרשה (י, לג) לייענען מיר, "ויסעו מהר ה' דרך שלושת ימים וארון ברית ה' נוסע לפניהם דרך שלושת ימים לתור להם מנוחה". זאָגן די ראשונים (רמב"ן פסוק לה, און תוספות שבת קטז. ד"ה "פורענות") אין נאָמען פון מדרשי חז"ל, אַז די אידן זענען אוועק געגאַנגען פונעם באַרג סיני, "כתינוק הבורח מבית הספר", אַזוי ווי אַ קינד וואָס אַנטלויפט פון חדר, ווייל די אידן האָבן מורא געהאַט אַז דער אויבערשטער וועט זיי געבן נאָך מצוות מקיים צו זיין.

**זאָגט** דער "כלי יקר", לויט ווי עס שטייט אין "מגילת סתרים", "אם תעזבני יום, יומיים אעזבך", דער אויבערשטער זאָגט, אויב דו וועסט מיך איבערלאָזן איין טאָג (דו וועסט נישט לערנען תורה איין טאָג), וועל איך דיך איבערלאָזן צוויי טעג (ספרי עקב, יא, כב). עס איז אַ משל צו צוויי מענטשן וואָס גייען אַוועק איינער פון צווייטן. איינער גייט אַ מייל צו מזרח, און דער צווייטער גייט אַ מייל צו מערב. קומט אויס אַז זיי זענען שוין ווייט איינער פון צווייטן צוויי מייל (כאָטש למעשה, איז יעדער איינער פון זיי געגאַנגען נאָר איין מייל).

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק, אַז די אידן האָבן זיך אַוועקגעצויגן פונעם באַשעפער אַ וועג פון דריי טעג, און דאַקעגן האָט אויך דער "ארון ברית ה'" זיך דערווייטערט פון זיי אַ וועג פון דריי טעג, קומט אויס אַז די דערווייטערונג פון זעקס טעג צווישן זיי איז געווען כדי זיי זאָלן קענען זוכן "מנוחה" פון די מצוות וואָס זיי האָבן זיך לוידער פאַר'מיאוס'ט אין זיי, עכ"ל.

**ממילא,** דאַרפן מיר זעהן זיך צו שטאַרקן אין דעם ענין פון "קביעות עתים לתורה", צו לערנען תורה יעדן טאָג ממש[יג]. עס זאָל נישט אַריבערגיין אויפ'ן מענטש אַפילו איין טאָג לבטלה ח"ו, כדי ער זאָל נישט זיין אין דעם גדר פון "אם תעזבני יום, יומיים אעזבך".

**די** גמרא זאָגט (שבת קטז., הובא ברש"י פרשתינו פסוק לה), אַז די פרשה "ויהי בנסוע" איז ווי אַ באַזונדערער ספר פאַר זיך. ער ווערט אָפּגעטיילט פון די אַנדערע פרשיות מיט איבערגעדרייטע "נונין" ביים אָנהייב, און ביים סוף פון דער פרשה, כדי אָפּצוטיילן צווישן איין

---

**יג.** הגה"צ רבי זלמן בריזעל זצ"ל, מיקירי קרתא דשופריא אין ירושלים, האָט אַמאָל געדאַרפט אַריינגיין צום וויזשניצער רבי'ן, הרה"ק בעל "אמרי חיים" זי"ע. מ'האָט פאַר איהם באַשטימט אַ צייט אינדערפרי אַריינצוקומען צום רבי'ן. האָט רבי זלמן זיך מקדים געווען, און איז געקומען קיין בני ברק אַ נאַכט פריער, און איז איינגעשטאַנען ביי זיין זון הרה"ח ר' נטע בריזעל.

רבי זלמן האָט אַלע יאָרן זיך געפירט, אַז ער איז געשלאָפן פון 11 אַזייגער ביינאַכט ביז 2 אַזייגער פאַרטאָגס, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך גענומען דינען דעם אויבערשטען. וויבאַלד רבי זלמן האָט יענע נאַכט נישט באַוויזן צו לערנען אַלע זיינע שיעורים, איז ער געבליבן אויף צו ענדיגן די שיעורים. ווען רבי נטע האָט איהם געבעטן ער זאָל זיך לייגן, און ער וועט שוין משלים זיין מאָרגן דאָס לערנען די שיעורים, האָט רבי זלמן זיך נישט געמאַכט צו טוהן דערפון, נאָר ער האָט ווייטער געלערנט. האָט ר' נטע, וועלכער האָט געזאָגט פאַר'ן טאַטן'ס געזונט, איהם געזאָגט איינמאָל און נאָך אַמאָל, "אפשר וועסטו צוענדיגן מאָרגן דיינע לימודים"... רבי זלמן האָט אָבער זיך נישט ווייסנדיג געמאַכט פון אַלע זיינע הפצרות. זעהענדיג אַז זיין פאָטער וויל זיך נישט גיין לייגן, איז ר' נטע דערוויל אַריין אין קיך צו עסן נאַכטמאָל.

ווען רבי זלמן האָט געענדיגט לערנען זיינע שיעורים, איז ער אַדורכגעגאַנגען די קיך, און זעהענדיג ווי ר' נטע זיצט און עסט נאַכטמאָל, האָט רבי זלמן געזאָגט צו זיין זון, מיט אַ שמייכל:

- גענוג, נטע, דו קענסט דאָך 'משלים זיין' צו עסן מאָרגן...

פורענות און די צווייטע פורענות. זאָגט תוספות דאָרט, אַז די צווייטע פורענות איז געווען די פרשה פון די "מתאוננים": "ויהי העם כמתאוננים" (זיי האָבן זיך אָפּגערעדט אַז זיי ווילן עסן פלייש"), און באַלד דערנאָך זאָגט דער פסוק "ותצא אש". די ערשטע פורענות איז געווען דאָס וואָס דער פסוק זאָגט אַז זיי האָבן זיך אַוועקגעצויגן פונעם באַרג סיני, "כתינוק הבורח מבית הספר".

**דאַרף** מען פאַרשטיין, גאַנץ רעכט ביי די מעשה פון די "מתאוננים", שטייט טאַקע אַ "פורענות" רח"ל, "ותצא אש מלפני ה'", אָבער וואָס פאַר אַ "פורענות" איז געווען ביי דעם וואָס זיי זענען אַנטלאָפן פון באַרג סיני? דאָס איז דאָך נישט געווען אַ "פורענות", נאָר אַן עבירה?

**ענטפערט** דער "חתם סופר" זי"ע ("ספר הזכרון" מכתי"ק, דרוש לז' אב, ע' נא) אַ מורא'דיגן תירוץ: דער מדרש זאָגט (דב"ר פ' ראה, פ"ד) "הסייף והספר ירדו כרוכין מן השמים". די "שווערד" און דער ספר זענען אַראָפּגעקומען צוזאַמענגעבונדן פון הימל. דער אויבערשטער זאָגט צו זיי (צו די אידן): אויב איר וועט טוהן וואָס עס שטייט אין דעם ספר (די תורה) וועט איר געראַטעוועט ווערן פון דער שווערד, און אויב איר וועט נישט טוהן וואָס עס שטייט אינעם ספר, וועט איר גע'הרג'עט ווערן רח"ל מיט דער שווערד.

**די** כוונה דערפון איז, עס איז נישט גלייך איינער וואָס וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם עול פון לערנען תורה, צו איינעם וואָס טוט אַן אַנדערע עבירה. ביי אַנדערע עבירות, איז די שטראָף אָנגעגרייט פאַר דעם טאָג ווען מ'וועט איבערקוקן זיין בוך, אָבער ביטול תורה איז אַנדערש, זיין עונש איז ווי צוגעבונדן צו זיין פוס ווי צוויי עמערס וואַסער, ווען איינער גייט אַרויף, גייט דער צווייטער אַראָפּ. אויף דעם זאָגן די חז"ל (אבות פ"ג, מ"ה) "הפורק ממנו עול תורה, נותנים עליו עול מלכות ועול דרך ארץ", דער מענטש וואָס וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם עול פון תורה, לייגט מען אויף איהם אַרויף דעם עול פונעם מלכות און דעם עול פון דרך ארץ. קומט אויס אַז דער מענטש וואָס פאַרלאָזט די תורה, גייט תיכף אַריין אין דעם "עול מלכות", און עס קומט אויף איהם אַ פורענות ח"ו. אַזוי איז די עצם עבירה פון איבערלאָזן די תורה, דאָס אַליין איז די פורענות ח"ו, ווייל איינס איז פאַרבונדן מיט'ן אַנדערן.

**דעריבער**, אין דער מינוט ווען די אידן האָבן פאַרלאָזט און זענען אַנטלאָפן פון דער תורה, האָט משה רבינו ע"ה געזעהן אַז עס קומט אַ שעבוד פון עול מלכיות אויף די אידן, און ער האָט פאַר זיי מתפלל געווען: "קומה ה' ויפוצו אויביך, וינוסו משנאיך מפניך". זיי זאָלן נישט האָבן אַ שליטה ח"ו אויף אידישע קינדער.

**פון** דער צווייטער זייט, איז אויסערגעווענליך גרויס דער כח פון תורה און די חביבות פון די וואָס לערנען איר, ווי דער פסוק זאָגט אין דער היינטיגער פרשה (ח, יח-יט) "ואקח את הלוים תחת כל בכור בבני ישראל, ואתנה את הלוים וגו' מתוך בני ישראל לעבוד את עבודת בני ישראל באוהל מועד, ולכפר על בני ישראל, ולא יהיה בבני ישראל נגף בגשת בני ישראל אל הקודש". זאָגט רש"י, אַז דער פסוק דערמאַנט דאַ פינף מאָל "בני ישראל", צו ווייזן די ליבשאַפט פון די אידן, אַז זיי ווערן דערמאַנט אין איין פסוק פינף מאָל, אַנטקעגן די חמשה חומשי תורה.

**זאָגט** הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע (זעה "שפת אמת", תרל"ו, ד"ה "בשם"), אַז ווען די לויים זענען אויסגעוויילט געוואָרן צו טוהן די עבודה, האָבן די אידן געהאַט חלישות הדעת אַז זיי זענען נישט ראוי צו טוהן די עבודה. דעריבער האָט ער געלאָזט וויסן זייער ליבשאַפט, אַז זיי קענען נאָך אַלץ זוכה זיין צו תורה, ווייל די קרוין פון תורה ליגט אין אַ ווינקל, "וכל הרוצה ליקח, יבוא ויקח" - יעדער איינער וואָס וויל קומען נעמען (די תורה) קען קומען און עס נעמען (יומא עב:). וועגן דעם זאָגט דער פסוק פינף מאָל "בני ישראל", מרמז צו זיין אויפ'ן כח התורה וואָס געפינט זיך נאָך אַלץ ביי די אידן[יד].

---

**יד.** די משנה זאָגט (יומא פג.) אַז איינער וואָס אַ "כלב שוטה" (אַ קראַנקער הונט) האָט איהם געביסטן, זאָל מען איהם נישט געבן צו עסן פון זיין לעבער. זאָגט דער רמב"ם ז"ל אין פירוש המשניות, אַז כאָטש "פיקוח נפש" שטייט העכער פון אַלע איסורים שבתורה, און פאַר אַ רפואה מעג מען געבן צו עסן אַ מאכל וואָס איז אסור פאַר געזונטע מענטשן, אָבער צו געבן פון די לעבער פונעם הונט איז נישט אַ נאַטורליכע רפואה, נאָר בדרך סגולה.

**ישמחו במלכותך שומרי שבת - דער גרויסקייט פון זינגען שירות ותשבחות שב"ק**

**אין** דער היינטיגער פרשה לייענען מיר (י, י) "וביום שמחתכם ובמועדיכם" וגו'. זאָגט דער "ספרי" (יט) אַז "וביום שמחתכם", גייט אַרויף אויפ'ן טאָג פון שבת. כאָטש "שמחה" איז איינע פון די עיקרים אין עבודת ה' אַ גאַנצע וואָך, און דער פסוק זאָגט (תהלים ק, ב) "עבדו את ה' בשמחה", אָבער נאָך אַ גרעסערע מצוה איז עס אין שבת, ווי דער פייטן זאָגט (זמר "כל מקדש) "ביום השבת קודש שישו ושמחו כמקבלי מתן נחליאל".

**צדיקים** האָבן געטייטשט ("אגרא דכלה", פ' תבוא) דעם פסוק (דברים כח, מז) "תחת אשר לא עבדת את ה' בשמחה ובטוב לבב מרוב כל", די אותיות נאָך די אותיות "אשר", זענען "שבת" (נאָכ'ן אות א' קומט אַ ב', נאָכ'ן ש' קומט אַ ת', און נאָכ'ן ר' קומט אַ ש' - שבת). לערנט אונז דער פסוק, אַז די גאַנצע תוכחה ח"ו איז ווייל מ'האָט נישט געדינט דעם אויבערשטען אין די שבתים, מיט פרייליכקייט, "בשמחה ובטוב לבב מרוב כל"[טו].

**איינע** פון די עיקרים פון עבודת ה' בשמחה אין שבת, איז צו פאַרמערן די שירות און תשבחות פאַר'ן באַשעפער, ווי עס איז דער מנהג ישראל קדושים, און מיר געפינען אין דער גמרא (מגילה יב:) רבא זאָגט, דער זיבעטער טאָג (ווען אחשוורוש האָט געשיקט רופן ושתי צו די סעודה) איז געווען אין שבת, "שישראל אוכלין ושותין ומתחילין בדברי תורה ובדברי תשבחות", ווען די אידן עסן און טרינקען און זאָגן דברי תורה, און זיי לויבן דעם אויבערשטען.

**וואונדערליכע** ווערטער, זאָגט תוספות (סנהדרין לז: ד"ה "מכנף"), אין נאָמען פון "תשובת הגאונים", אַז מ'זאָגט קדושה אין דעם טאָג פון שבת, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה ו, ב) "שש כנפים לאחד"

---

זאָגט דער "כלי חמדה", אַז ווי איידער צו באַנוצן זיך מיט אַ "סגולה", דורך עסן אַ מאכל וואָס מ'טאָר נישט עסן (וואָס מ'מעג עסן אין פאַל פון אַ "פיקוח נפש"), איז אָבער אַ סאַך בעסער זיך צו באַנוצן מיט די סגולה פון לימוד התורה, וואָס "אין סגולה כמותה" - ס'איז נישט דאָ אויף דער וועלט, נאָך אַזאַ "סגולה" אַזוי ווי תורה, ווי דער פסוק זאָגט ביי מתן תורה (שמות יט, ה) "והייתם לי סגולה מכל העמים"!

אַ איד וואָס האָט זיך געגוויטיגט אין אַ רפואה, האָט זיך מזכיר געווען פאַר הרה"ק בעל "שפת אמת" זי"ע, און געבעטן אַ "סגולה" פאַר אַ רפואה. האָט דער "שפת אמת" איהם געזאָגט, אַז ער טיילט נישט קיין סגולות. יענער האָט אָבער זיך שטאַרק איינגעבעטן, און אַפילו מעיז פנים געווען, זאָגנדיג פאַר'ן "שפת אמת":

- איך וועל זיך נישט אַוועקרירן פון דאָ, ביז דער רבי וועט מיר געבן אַ סגולה!

האָט דער "שפת אמת" איהם געזאָגט:

- דו זוכסט סגולות?! זעץ זיך לערנען, ווייל תורה איז אַ סגולה: 'והייתם לי סגולה'...

**טו.** עס ווערט דערציילט ("שיח שרפי קודש" החדש, שבת, אות כד), אַז איינער פון די חסידים פון הרה"ק רבי שמחה בונם זי"ע פון פשיסחא, וועלכער איז אלעמאל געווען בעצבות, האָט איינמאל מחליט געווען צו קומען אויף שבת צום רבי'ן ר' בונם. פון הימל האָט מען אָבער צוגעפירט, אַז ער זאָל נישט קענען אָנקומען קיין פשיסחא אויף שבת. ער איז אָנגעקומען מוצאי שבת. ווען ער איז אַריינגעקומען צום רבי'ן ר' בונם, האָט דער רבי איהם געזאָגט:

- דער שבת'דיגער טאָג, איז אויסגעצייכנט מיט די מדה פון 'הכנסת אורחים'. ווען עס קומט צו גיין אַ חשוב'ער גאַסט, איז דער שבת איהם מכבד לויט זיין חשיבות. צום ביישפיל, אויב ראש חודש פאַלט אויס אין שבת, אָדער חנוכה איז אין שבת, איז ער איהם אַביסל מכבד, דורך דעם וואָס מ'לייענט דעם "מפטיר" און מ'דאַווענט תפילת מוסף פון ראש חודש. אויב יום טוב פאַלט אויס אין שבת, איז דער שבת איהם נאָך מער מכבד, ער געבט איהם אַוועק דאָס גאַנצע לייענען, און מ'דאַווענט די תפילה פון יום טוב. אויב יום כיפור פאַלט אויס אין שבת, איז ער איהם נאָך מער מכבד, ער געבט איהם אַוועק אַלע מאכלים, ווייל מ'טאָר דאָך נישט עסן אין יום כיפור ווען עס איז שבת. אָבער אויב תשעה באב פאַלט אויס אין שבת, ווערט ער "נדחה" - אָפּגעשטופּט - אויף זונטאָג... דער שבת געבט נישט אָפּ פאַר'ן תשעה באב קיין כבוד. דאָס איז דערפאַר, ווייל דער שבת קודש זאָגט: "אַזעלכע געסט וויל איך נישט האָבן היינט... זאָלן זיי קומען נאָך שבת...".

דערמיט האָט דער רבי ר' בונם געמיינט מרמז צו זיין פאַר דעם חסיד וואָס האָט געליטן פון עצבות, אַז ער איז "אָפּגעשטופּט" געוואָרן פון צו קענען זיין שבת ביים רבי'ן, ביז נאָך שבת...

(יעדער איינער פון די "חיות" הקודש האָט זעקס פליגל), און יעדער פליגל זאָגט שירה איינמאָל אַ טאָג אין די זעקס טעג פון דער וואָך, און ווען עס קומט שבת, זאָגן די חיות הקודש פאַר'ן אויבערשטען, "רבונו של עולם, מיר האָבן נישט נאָך אַ פליגל". ענטפערט זיי דער אויבערשטער: "איך האָב נאָך איין פליגל וואָס זאָגט פאַר מיר שירה, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה כד, טז) "מכנף הארץ זמירות שמענו", דאָס זענען די אידן, וואָס זיי זאָגן שירה פאַר דעם אויבערשטען אויף דער וועלט, עכ"ל.

**זאָגט** דער "חידושי הרי"ם" זי"ע, אַז כאָטש מענטשן ווי מיר זענען, האָבן נישט קיין השגה איבער די גרויסקייט און הייליגקייט פון די מלאכים און חיות הקודש, און אַוודאי געווים פאַרשטייען מיר נישט וואָס עס זענען די "פליגל" פון די מלאכים, אָבער פונדעסטוועגן, לאָזן חז"ל אונז וויסן, אַז אין דעם טאָג פון שבת, טוען מיר מיט אונזער מויל דאָס וואָס די מלאכים קענען טוהן, און די שירות ותשבחות וואָס מיר לויבן און דאַנקען דעם אויבערשטען, "למלך קל חי וקיים" אין דעם הייליגן טאָג פון שבת, איז חשוב אַזוי ווי די שירה פון די מלאכים.

**אויך** ברענגט דער "שפת אמת" זי"ע (ויקרא תרמ"ח, ד"ה "במדרש"), אין נאָמען פון הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע, אַז דער ענין פון די שירה אין די "פליגל" פון די חיות הקודש באַשטייט אין דעם, וואָס דורך די שירה ווערט מען דערהויבן אַזוי ווי דער פויגל וואָס פליט הויך, און אַזוי זאָגט דער אריז"ל, אַז יעדע עלייה ווערט געמאַכט דורך זינגען שירה פאַר'ן באַשעפער[טז], עכ"ל[יז].

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין בקרוב ממש צו די הבטחות וואָס שטייען אין

**טז.** דער "חינוך" (מצוה שפד) זאָגט אַ טעם פאַר די מצוה צו בלאָזן מיט חצוצרות אין צייט פון אַ מלחמה, און "וביום שמחתכם ומועדיכם", ווי פאָלגענד: וויבאַלד דער מענטש איז אַ בעל "חומר", מיט אַ חומריות'דיגן גוף, דאַרף מען איהם שטאַרק מעורר זיין דערצו, וויל ס'איז די טבע (פון מענטש), אַז אויב מ'ערוועקט איהם נישט, שטייט ער ווי אַ מענטש וואָס שלאָפט. "ואין דבר יעוררהו כמו קולות הניגון" - עס איז נישט דאָ נאָך אַ זאַך וואָס קען איהם ערוועקן, אַזוי ווי די קולות פונעם ניגון.

**יז.** דאָ איז דאָס אָרט מעורר צו זיין וועגן דעם זכות און די פליכט אויף די עלטערן איינצוואוואָרצלען אַ הייליגן פייער און וואַרימקייט אין זייערע קינדער ביי די שבת'דיגע סעודות, דורך זמירות און סיפורי צדיקים, ווייל אַזוי גייט אַריין אין זייערע הערצער די זיסקייט פון עבודת ה'.

הרה"צ רבי אליהו ראָטה זצ"ל האָט נאָכגעזאָגט (מובא בספר "איש חסיד היה", ע' שג) אין נאָמען פון זיין רבי'ן, הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, אַז איין בלאַט גמרא אין שבת, איז גלייך צו פינף הונדערט בלעטער גמרא אין די וואָכן-טעג. אויך האָט איין קאַפּיטל תהלים שבת, אַזאַ חשיבות אַזוי ווי פינף הונדערט קאַפּיטלעך תהלים אין די וואָכן-טעג.

דאָס זעלבע קען מען זאָגן, אַז איין שעה פון שירות ותשבחות שבת קודש צוזאַמען מיט די קינדער, האָט דעם זעלבן תועלת ווי פינף הונדערט שעה'ן אין די וואָכן-טעג...

גאָר גרויס איז ביי דעם אויבערשטען דער מענטש וואָס ערציהט זיינע קינדער צו תורה און יראת שמים, ווי עס האָט דערציילט הרה"צ רבי אליהו ראָטה זצ"ל, אַז הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע האָט איהם אַמאָל געזאָגט, אַז אַלע מלמדים וואָס לערנען מיט קינדער דאַרפן וויסן אַז זיי פאַרנעמען זיך מיט אַ הייליגע אַרבעט, און די כוונה איז נישט דווקא פאַר די מלמדים וואָס לערנען גמרא מיט גרעסערע קינדער, נאָר אַפילו די מלמדים וואָס לערנען מיט די קינדער אין 'קינדערגאַרטן', און דאָס זעלבע ביי קליינע מיידלעך, דאַרפן זיי וויסן וועגן זייער גרויסע אויפגאַבע, אַז זיי גיבן זיך אָפּ מיט אַ הייליגער אַרבעט.

און הרה"ק רבי שלמה'קע האָט צוגעגעבן, אַז פּונקט ווי מיר געפינען ביי יהושע בן נון, וואָס דער פסוק זאָגט (במדבר כז, יח) "ויאמר ה' אל משה, קח לך את יהושע בן נון, איש אשר רוח בו". דאַרף מען פאַרשטיין דאָס לשון "קח לך", נעם צו דיר. ווי אַזוי איז שייך צו "נעמען" אַ מענטש? זאָגט רש"י, "קחנו בדברים", דו זאָלסט איהם נעמען מיט רייד. "אשריך שזכית להנהיג בניו של מקום" - וואויל איז דיר, אַז דו האָסט זוכה געווען צו פירן די קינדער פון דעם אויבערשטען. האָט הרה"ק רבי שלמה'קע געזאָגט, אַז אַזוי זאָגט מען אין הימל טאָג-טעגליך צו

דער היינטיגער סדרה, "ולא יהיה בבני ישראל נגף"[יח], און "כי ה' דיבר טוב על ישראל"[יט], און צו די גאולה שלימה, וואָס וועט ברענגען "שמחת עולם על ראשינו", במהרה בימינו מתוך רחמים וחסדים והשפעות טובות.

---

יעדן מחנך, וואויל איז דיר וואָס דו האָסט זוכה געווען צו באַשעפטיגן זיך מיט אַ הייליגע אַרבעט, און נישט נאָר דאָס, נאָר עס זענען דאָ מחנכים וואָס מען זאָגט עס זיי צוויי מאָל אַ טאָג...

אַוודאי פאַרשטייען מיר נישט די הייליגע ווערטער פון הרה"ק רבי שלמה'קע, אָבער ס'איז מעגליך אַז די כוונה איז צו אַ מחנך, וואָס דאַרף האָבן מער חיזוק צוליב די שוועריגקייטן וואָס זענען אויף איהם אַריבער יענעם טאָג.

באמת, איז דאָס אָבער געזאָגט געוואָרן נישט נאָר לגבי מלמדים, נאָר יעדער טאַטע פון קינדער איז אויך זוכה צו דעם "בת קול": "אשריך", וואויל איז דיר, אַז דו ביזט זוכה זיך אָפּצוגעבן מיט אַ הייליגע אַרבעט, ווייל דער טאַטע ערציט דאָך זיינע קינדער. עס איז אָבער דאָ אַ תנאי, אַז ער זאָל ערציען די קינדער ווי עס דאַרף צו זיין, און ער זאָל זיך נישט מתרשל זיין אין זיין הייליגע פליכט ח"ו.

**יח.** אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (ח, יט) "ולא יהיה בבני ישראל נגף בגשת בני ישראל אל הקודש", זאָגט רש"י, "שלא יצטרכו לגשת אל הקודש" - אַז זיי זאָלן נישט דאַרפן צוגיין נאָענט צום הייליגן אָרט. זאָגט הרה"ק בעל "אמרי נועם" זי"ע (פרשתינו, אות י') אַ שיין וואָרט בדרך צחות, לויט ווי מ'דערציילט, אַ רייכער מאַן וואָס איז ב"ה געווען געזונט און איז אויך געבענטשט געוואָרן מיט וואוילע און ערליכע קינדער, האָט אַמאָל דערלאַנגט אַ קוויטל פאַר'ן קאָזשניצער מגיד זי"ע, און געבעטן פון איהם אַ ברכה. האָט דער קאָזשניצער מגיד איהם געפרעגט, "עס פעלט דאָך דיר גאָרנישט... פאַרוואָס ביזטו געקומען צו מיר?". האָט דער איד געענטפערט פאַר'ן מגיד: "טאַקע פאַר דעם בין איך געקומען צום רבי'ן, ער זאָל מיר אָנווינטשן אַז איך זאָל קיינמאָל נישט דאַרפן קומען צו איהם...".

לויט דעם, זאָגט דער "אמרי נועם", אַ כוונה אין פסוק: "הקודש" איז אַ רמז אויף דעם צדיק. זאָגט דער פסוק: "ולא יהיה בבני ישראל נגף בגשת בני ישראל אל הקודש", זיי זאָלן נישט דאַרפן גיין צום צדיק צוליב אַ מגיפה ח"ו אָדער צוליב אַנדערע פּראָבלעמען, נאָר זיי זאָלן גיין צום צדיק בלויז מיט'ן צוועק אַז ער זאָל פועל'ן מיט זיינע תפילות, "שלא יצטרכו לגשת אל הקודש"... עס זאָל זיי קיינמאָל גאָרנישט פעלן, און ממילא וועלן זיי נישט דאַרפן גיין צום צדיק, כדי צו בעטן פון איהם אַ ברכה...

**יט.** עס איז באַקאַנט, אַז הרה"ק רבי מרדכי'לע לעכעוויטשער זי"ע האָט אַמאָל, פרייטאָג פאַרנאַכט פרשת בהעלותך, צוריקקומענדיג פון דער מקוה, געזאָגט: "יעצט דאַרפן מיר זינגען און שפּילן מיט מוזיק, ווייל עס שטייט אין דער היינטיגער פרשה (י, כט) 'כי ה' דיבר טוב על ישראל'...".